פרשת בחקתי

פרקי אבות - פרק ו' ובי"ע

שנה ג' - גליון קי"ב

יז אייר ל'ב למב"י שנת תשעא לפ"ק

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

הדלקת הנרות
7:55
זמן מוצאי שבת
9:24

סוף זמן קרי"ש 8:37

## סדר פון קומען אין חדר זונטאג ל"ג בעומר

**טויש אין זמן: אי"ה דעם קומענדיגן זונטאג פ' במדבר-ל"ג בעומר: די באסעס וועלן אנהייבן אויפנעמען די קינדער אום 10:55 ביי די ערשטע סטאפ. ד.מ. א ½ שעה שפעטער ווי יעדן זונטאג. צוליב דעם וואס אסאך קינדער פארן צום מעמד ההדלקה פון רבינו שליט"א אין קרית יואל לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי. זיע"א**

## אשרינו מה טוב חלקינו בהילולא דבר יוחאי

**לכבוד ל"ג בעומר זונטאג פ' במדבר די יארצייט פון התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי האבן מיר צוגעגרייט אין חדר פאר די קינדער א שיינע פראגראם. מיר וועלן פארן אי"ה אין א פארק שפילן מיט די קינדער מיט ל"ג בעומר שיסער'ס. ביטע <u>נישט מיט שיקן מיט די קינדער קיין ל"ג בעומר שיסער צוליב סכנה</u>, די מלמדים וועלן שפילן מיט די קינדער. מען וועט ארויספארן אי"ה 12 אזייגער און זיין צוריק 1:15 בעז"ה.**

ביטע אנטוהן אייער קינד א ווייסע העמד לכבוד היום

## יום טוב אינדערוואכן! מיט די קינדער

**פסח שני** ווייסן אלע אז עס איז געווען די וואך אבער ביי אונז אין קינדערגארטן איז עס געווען עפעס געוואלדיג אלע קינדער זיצן שיין אין לאנטש רום ביים עסן מיטאג א פיינע געשמאקע לאנטש. מיט אמאל קומט דער מנהל אריין מיט א מייק אין די האנט ער שטעלט זיך אויף אינדערמיט, אלע קינדער ווערן שטיל יעדער וויל הערן וואס מען גייט דא פארציילן. דער מנהל פרעגט: ווער ווייסט וואס איז היינט? שרייען אלע קינדער פסח שני. פרעגט דער מנהל ווייטער: ווער געדענקט נאך א פסח ניגון? אלע קינדער הויבן אן אין א רייע די געשמאקע יו"ט ניגונים. **קדש ורחץ, והיא שעמדה, דער סדר נאכט. מאכט'ס אויף די טיר ברייט,** א.א.וו. עס האט געהילכט די קעלעכל'עך פון אלע קינדער'לעך עס איז געווען אזוי הערליך שיין. עס דערמאנט זיך גוט קוים אריבער איין חודש פון דעם שיינעם יו"ט וואס מיר האבן אזוי גוט מיט געלעבט. אלע קינדער זינגען אזוי שיין מיט אינטערעסע לכבוד פסח שני. דערנאך האט דער רבי אונז פארטיילט א שטיקעלע מצה לכבוד פסח שני אוודאי האט דאס געהאט אלע טעמים:

**קינדערגארטן:** די וואך ווען מיר האבן געלערנט די א"ב אותיות שׂ שׁ האט מיין רבי אונז אריינגעברענגט א צעטל מיט אסאך ש אן פינטעלעך און מיר האבן אליינ'ס געלייגט די פינטעלעך און הויך געזאגט שׁ שׁ אויף די רעכטע זייט איז א שׁ און אויף די לינקע זייט א שׂ אזוי האפן מיר דאס גוט צו געדענקען און קענען אלע א"ב.

## חכמה'לעך לויט די עלטער

**קינדערגארטן:** ווען בערעלע איז געקומען צוליב "רפואה" מיט א קנאבל אין זיין אויער רופט זיך יענקלע אן פאר זיין רבי: **בערעלע האט געברענגט אין חדר א "בלו טוט!!!...**

**פרי קינדערגארטן:** ווען מען האט געזאגט פאר שמעי'לע נאכן עסן מלוה מלכה ער זאל גיין שלאפן האט ער געזאגט: **איך האב נאכנישט געגעסן מלוה מלכה-דו האסט נאכנישט געצינדן די צוויי ליכט...**

**נוירסערי: ברוך אברהם'לע האט שיין פארציילט די מעשה פון "הלאו" הזקן ער האט ליב געהאט צו לערנען די הייליגע תורה...**

**ווען יואל'י האט געוויזן זיין מאמע א "מעמארי געים קארד" פון א תורה האט זיין מאמע געפרעגט: יואלי! דו לערנסט פלייסיג די הייליגע תורה אין חדר? זאגט יואלי: ניין! נישט איך... מיין רבי!!!...**

## מזל טוב ווינטשן

### א הארציגן דאנק פאר הילד

אברהם יעקב ב"ר אלי' הערשקאוויטש נ"ו

פאר זיין צושטעלן מצות פאר אלע קינדער לכבוד פסח שני

ווי עס וואונטשן פון טיפן הארצן

המנהל, המלמדים, וכל התלמידים

### ברכת מזל טוב פאר הילד

יוסף בנימין זאב ב"ר מנחם מאיר האפפער נ"ו

לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער

ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען

ביי רבי יואל יצחק ראטה שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד

אליעזר דוד ב"ר יוסף סרוגא נ"ו

לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער

ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען

ביי ר' בנימין כהן שליט"א און ר' יואל שמאיע שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד

משה ב"ר ישראל מאיר פריעדמאן נ"ו

לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער

ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען

ביי ר' בנימין כהן שליט"א און ר' יואל שמאיע שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד

אברהם ב"ר חיים רחמים סרוגא נ"ו

לכבוד זיין פעטער/מומע איז געווארן א חתן/כלה

ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען

ביי רבי מנחם מענדל פארקאש שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד

חיים ארי' ב"ר מנחם צבי כהנא נ"ו

לכבוד זיין ברודער איז געווארן א חתן

ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען

ביי רבי הערשל פעקעטע שליט"א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**